בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

בלק (חקת בחו"ל)
תשפ"ב
גליון 100

דער ריינער קוואל



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

אִין דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואך זֶעט מֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאך. בִּלְעָם הָאט מְקַנֵּא גֶעוֶוען דִי זַאמְד אוֹיף וָואס דִי אִידְן טְרֶעטְן וֶוען זֵיי גֵייעֶן אִין שׁוּל. עֶר הָאט אֲפִילוּ מְקַנֵּא גֶעוֶוען דִי קְלֶיינְטְשִׁיגֶע זַאמְד וָואס לִיגְט צְווִישְׁן דִי קְרִיצְן פוּן דִי שִׁיךְ, וָואס מֶען הָאט מוֹרָא אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ עֶס זָאל נִישְׁט שְׁמוּצִיג מַאכְן דִי פְרִישׁ גֶעוַואשֶׁענֶע בַּאלַאטֶעס. אָט דִי בְּרֶעקְעלֶעך הָאט בִּלְעָם פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז זֵייעֶר טַייעֶר, דָאס וָואס מִיר קֶערְן אוֹיס אוּן מֶען וַוארְפְט עֶס אַרַיין אִין מִיסְט, אִיז בִּלְעָם אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אַז בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ זָאל זַיין פוּל פוּן דִי שְׁטוֹיבּ, עֶר וָואלְט גֶעוָואלְט מִיט דִי בְּרֶעקְעלֶעך אָנְפִילְן זַיינֶע גְלַאנְצִיגֶע מַארְמָארְשְׁטֵיין וָואס אִיז גֶעלֶעגֶען מִיט אַ גַאֲוָה אוֹיסְגֶעלֵייגְט קִינְצְלֶעך אוֹיף דֶער עֶרְד אִין זַיין פַּאלַאץ.

עֶר הָאט גֶעווָאוּסְט וָואס סְ'מֵיינְט בְּרֶעקְעלֶעך. מִיר גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט אַלֶעמָאל דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דִי קְלֶיינְטְשִׁיגֶע בְּרֶעקְעלֶעך, עֶר הָאט אָבֶּער יָא גֶעווָאוּסְט וִוי גֶעשְׁמַאק אוּן וִוי טַייעֶר דָאס אִיז.

"בִּלְעָם, בִּיסְט מְקַנֵּא דִי בְּרֶעקְלֶעךְ'ע אִינְגְלֶעך?!"

"יָא אִיךְ גֵיי אוֹיס פוּן קִנְאָה,"

"נָא בִּלְעָם, וָואס אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם?! קֶענְסְט אַרַיינְגֵיין אִין פֶעלְד, עֶס לִיגְט דָארְט אוֹיסְגֶעלֵייגְט צְווִישְׁן דִי בֵּיימֶער בֶּעוְקְלֶעך, זֶעץ זִיךְ אוֹיף אֵיינֶע פוּן זֵיי אוּן רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אוֹיךְ דִיר בִּלְעָם. פַארְצַייל דֶעם אֱמֶת וָואסְפַארַא פָּנִים דִי טְרָאגְסְט!

"דוּ חָכָם וָואס דוּ בִּיסְט! דוּ מֵיינְסְט אַז מַיין קָאפּ אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי דַיין אִידִישֶׁע קָאפּ?! אוֹיף דִיר אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן 'הֶן עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן', דוּ טַרַאכְטְסְט נָאר פוּן תַּכְלִית. דוּ בִּיסְט מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דוּ גֶעדֶענְקְסְט וֶועגְן עוֹלָם הַבָּא, דוּ לֶערְנְסְט מִשְׁנָיוֹת. דוּ אִינְגֶעלֶע בִּיסְט זִיךְ מְקַדֵּשׁ, דַיין קָאפּ אִיז פוּל מִיט הֵיילִיגֶע זַאכְן. דוּ וֵוייסְט וָואס סְ'לִיגְט אִין מַיין קָאפּ?!"

"עֶס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערְסַאנְט וָואס סְ'לִיגְט אִין דַיין קָאפּ!"




"אִיךְ זֶע אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעדְט. אַ גוֹי גְלֵייבְּט בִּכְלַל נִישְׁט אַז עֶר טוּט עֶפֶּעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אַזַא מִין זַאךְ אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט פוּן אִים אַ נַחַת רוּחַ, דָאס אִיז אַ גוֹי. אַ אִיד גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ - דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה.

בַּיי עֶנְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז דָא אַ מִשְׁנָה "מַה בֵּין תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע," דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ בְּרֶעקְלֶעךְ'ע אִינְגֶעל דוּ לֶערְנְסְט זִיכֶער דִי מִשְׁנָה שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג אִין פִּרְקֵי אָבוֹת. דִי תַּלְמִידִים פוּן בִּלְעָם הָאבְּן אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג, גַאֲוָה, א.א.וו. לִכְאוֹרָה זֶעעֶן דָאךְ אַלֶע דֶעם חִילוּק

המשך אויף זייט 11

## וויאַזוי קויפט מען פאַרמעגנס?!

איך וועל ענק בעז"ה דערציילן אַ מַעֲשֶׂה פון רֶבִּי מָאטֶעלֶע טְשֶׁערְנָאבְּלֶ'ער.

רֶבִּי מָאטֶעלֶע איז געווען אַמָאל אין די צייטְן פון רֶבִּי נָתָן אין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, דָארְטְן איז געווען זיין מְגִידוּת צו זאגן דְּרָשׁוֹת. ווען ר' מָאטֶעלֶע פְּלֶעגְט קומען אין אַ שְׁטָאט אַריין, פְלֶעגְט ער נִישְׁט צוּפָארְן צום אַכְסַנְיָה, נָאר ער פְלֶעגְט זיך אָוועקְשְׁטֶעלְן אינמיטן די גאס, פְלֶעגְן קומען גְּבִירִים און אים בעטן אַז ער זָאל קומען בַּיי זיי אין שְׁטוּבּ אַריין, מען האט אים בַּאצָאלְט געלט דערפאר.

איז געווען אֵיינְמָאל ווען ער איז געקומען קיין בְּרֶסְלֶב, האט ער זיך אַוועקגעשְׁטעלט אינמיטן גאס, און אַזוֹי ווי ער שְׁטֵייט, זענען זיך צוזאַמגעקומען אַן עוֹלָם אַרוּם אים.

האט ר' מָאטֶעלֶע געזָאגְט אַזוֹי: "די גְּמָרָא זָאגְט (יומא דף כ"ג) 'הַנֶּעֱלָבִין וְאֵינָן עוֹלְבִין שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָן וְאֵינָן מְשִׁיבִין, עֲלֵיהֶן הַכָּתוּב אוֹמֵר וְאוֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבוּרָתוֹ' - די וועלְכֶע ווערן פאַרְשֶׁעמְט און פאַרְשֶׁעמֶען נִישְׁט אַ צְווייטן, זיי הערן זייער שַׁאנְדֶע און ענְטְפֶערְן נִישְׁט צוּרִיק, אויף זיי זָאגְט דער פָּסוּק זַיינֶע לִיבְּ האָבער זענען אַזוֹי ווי די זון וואס גייט אַרוּיס מיט איר שְׁטַארְקַייט.

וואס זָאל איך טָאן אַז מיך פאַרְשֶׁעמְט קיינער נִישְׁט?! זָאגְט ר' מָאטֶעלֶע ווייטער: "קיינער איז מיך נִישְׁט מְבַזֶה, ווי קען איך זיין פון די 'אוֹהֲבָיו' - וואוּ איך קום האָב איך כָּבוֹד?!"

אַזוֹי רעדט ער אַרוּם מיטן עוֹלָם. פְּלוּצְלִינְג רוּפְט ער זיך אָן: "איך דארף זיך אַיינְקוֹיפְן אין דעם מענְטְשְׁן וואס אים איז מען יָא מְבַזֶה! דָא איז דָא אֵיינֶער, רֶבִּי נָתָן וואס אים איז מען יָא מְבַזֶה, און ער שְׁווייגְט, ער ענְטְפֶערְט נִישְׁט, איז ער דָאךְ פון די 'אוֹהֲבָיו' - וויל איך זיך אַיינְקוֹיפְן אין דעם אידְן! וואס קען איך זיך אַיינְקוֹיפְן?!"

האט ער געשִׁיקְט ר' שְׁלֹמֹה רְאוּבֵן זְלָאטֶע'ס, "גיי בְּרענְג מיר ר' נָתָנ'ס אַ סֵפֶר!" האט ער אים געבְּרַאכְט אַ 'לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת'! און ר' מָאטֶעלֶע האט אים בַּאצָאלְט אַ רוּבָּל. פאר אַ רוּבָּל האט מען געקענְט האָבן צְוָואנְצִיג לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת.




האט ר' מָאטֶעלֶע געזָאגְט: "דָאס קויף איך זיך אַיין אין דעם איד וואס אים איז מען מְבַזֶה!"

די מַעֲשֶׂה האט הָרַב הֶחָסִיד רַבִּי לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער זי"ע דערְצֵיילְט בַּיים יָארְצַייט סְעוּדָה פון ר' נָתָן, יָאר תש"מ. און ר' לֵוִי יִצְחָק האט מַמְשִׁיךְ געווען מיט דעם פאַלְגנְדְן בַּקָשָׁה:

"בֶּאֱמֶת וואָלטְן מיר אַלע געדאַרְפְט עוֹסֵק זיין אין הַדְפָּסָה אָבער קען דען יעדער אֵיינֶער דרוקן?! נָאר אַז ס'איז דָא אַ אינְגֶערְמַאן וואס ער איז זיך יָא מוֹסֵר נֶפֶשׁ, ער דְרוּקְט, דאַרְף מען זען דעם אינְגֶערְמַאן צוּהעלְפְן! דָא ווערן צְווייַ אינְגֶעלַייט אַרוּמְגֵיין, מַאכְן געלט איצְטֶער, זָאל יעדער אֵיינֶער געבְּן יוֹתֵר מִכֹּחוֹ, מען זָאל מְסַיֵּעַ זיין דעם אינְגֶערְמַאן אַז ער זָאל זיך קענֶען האַלטְן אין דעם זַאךְ, און בֶּאֱמֶת לִיגְט עס אויף יעדעם אֵיינֶעם.

דער אויבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת האָבְן, די זְכוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זָאל מֵגִין זיין אויף אַלֶע אידְן בַּאֲרִיכַת יָמִים וְשָׁנִים, אָמֵן. (עַד כָּאן תּוֹכֶן דְּבָרָיו שֶׁל רלוי"צ זַצַ"ל)

המשך אויף זייט 7

# מיין אשה'לע



דער באשעפער באווייזט וואונדער
פאר זיינע ליבע קינדער

## מַיין תְּפִלָּה שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט

אוּנְז הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, ס'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צְוֶועלֶעף אַזֵייגֶער בַּיינַאכְט אוּן אוּנְזֶער גַאנְצֶער מִשְׁפָּחָה זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אִין גַאס, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַהֵיים פָּארְן, בָּאסֶעס אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן נָאר מִתְפַּלֵל זַיין מֶען זָאל קֶענֶען טְרֶעפְן אַ וֶועג אַהֵיים. אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דִי עֵצָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז 'תְּפִלָּה' אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער מִיר זָאלְן טְרֶעפְן אַ וֶועג אַהֵיים.

בִּיז עֶס אִיךְ אַדוּרְךְ גֶעפָארְן אַ טֶעקְסִי, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען פְּלַאץ נָאר פַאר פִיר מֶענְטְשְׁן, אָבֶער מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶע גֶעזִינְדְל בליעה"ר, הָאט מֶען קוֹדֶם אָפְּגֶעשִׁיקְט אַהֵיים פִיר קִינְדֶער, אָבֶּער יֶעצְט זֶענֶען מִיר גֶעבְּלִיבְּן אִין גַאס שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אוּן גֶעוַוארְט, בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז אַ אִיד הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעזָאגְט "אַלֶע זָאלְן אַרַיין אִין אוֹיטָא!" מִיר זֶענֶען טַאקֶע אַלֶע אַרַיין אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעהַאט גַאנְץ אַ קְלֵיינֶע קַאר, אַכְט מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ אַריינְגֶעקְוֶועטְשְׁט. אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען קְלָאר דִי גְרוֹיסֶע חֲסָדִים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טוּט וֶוען מֶען בֶּעט אִים. טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, מִיר פַארְמָאגְן אַ שְׁטַארְקֶע גֶעוֶוער, **תְּפִלָּה, תְּהִלִּים, לָאמִיר דָאס נִיצְן! דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף אוּנְז...**

## גֶעטְרָאפְן אַ בְּלֶעטְל

אַ גוּטְן. מַיין נָאמֶען אִיז הֶערְשִׁי, אִיךְ וואוֹין אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען פוּן טִיפְן הַארְצְן פַאר דִי מְנַהֲלִים פוּנֶעם **רֶבִּי'נְס לִיכְט**.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ צוּ לֵיינֶען, מַמָּשׁ אִיךְ לַיין וָואס אִיךְ קֶען, וָואס עֶס קוּמְט מִיר אוּנְטֶער מַיינֶע הֶענְט, הָאבּ אִיךְ לִיבּ צוּ לֵיינֶען.

פַאר צְוֵויי יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף אַ בְּלֶעטְל, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא בְּלֶעטְל, עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן דָארְטְן אִיז דָא זֵייעֶרֶע שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים וָואס דֶערְקְוִויקְט דָאס הַארְץ, הִתְחַזְּקוּת, שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת.

זַייט דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ מִשְׁתַּדֵל יֶעדֶע וָואךְ צוּ זוּכְן דֶעם בְּלֶעטְל. וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן?! עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט צוּם גְלֵייבְּן, אִיךְ בִּין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען פַארְשִׁידֶענֶע בְּלֶעטְלֶעךְ, אַזַא גִלְיוֹן הָאבּ אִיךְ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרָאפְן!

אַזַא גֶעשְׁמַאקֶער זִיסֶער בְּלֶעטְל, עֶס גִיבְּט אַ חִיוּת אוּן אַ תִּקְוָה פַאר יֶעדְן אִינְגְל, בִּפְרַט אִיךְ וָואס הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ לֵיינֶען, בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַיֶה מִיט דִי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים, עֶס גִיבְּט מִיר אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "פוּן סִפּוּרֵי צַדִּיקִים בַּאקוּמְט מֶען חֵשֶׁק מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם".

דֶער רֶבִּי אַלֵיין פְּלֶעגְט זִיךְ דְרֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן דָארְט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשִׂיּוֹת אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אַזוֹי אוֹיךְ פַאר מִיר גִיבְּט דָאס חֵשֶׁק צוּ גֵיין אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים.

אִיךְ וִויל אַייךְ וואוּנְטְשְׁן אַ בְּרָכָה, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כּוֹחוֹת, אוּן קֶענֶען אַסַאךְ לַאנְגֶע זִיסֶע יָארְן אַרוֹיסְגֶעבְּן דֶעם בְּלֶעטְל אוּן צֶעשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, עֶס זָאל זִיךְ נָאךְ מֶער פַארְבְּרֵייטֶערְן מִיט נָאךְ אָפְּטֵיילוּנְגֶען, סַיי פוּן דִי צַדִּיקִים אוּן סַיי וֶוערְטֶער אוֹיף דִי פַּרְשָׁה, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ פוּן רֶבִּי'נְס אוֹצְרוֹת צוּ קֶענֶען מְקָרֵב זַיין דִי גְאוּלָה הַשְּׁלֵמָה.

# די דְרִיטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## דֶער חִיגֵר
## ~1~



מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ חָכָם. פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גִירוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן הָאט זֵיי גִילָאזְט צַוָואָה. אַז זֵיי זָאלִין אָן טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער. אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ. נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶעהְן תָּמִיד צוּ טָאן. אָן צוּ טְרֶענְקֶען בֵּיימֶער.

דֶער נָאךְ אִיז דֶער חָכָם גִישְׁטָארְבְּן. אוּן הָאט גִילָאזְט קִינְדֶער. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אֵיין זוּן וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גִיקָאנְט גֵיין. שְׁטֵיין הָאט עֶר יָא גִיקָאנְט. נָאר גֵיין הָאט עֶר נִיט גִיקָאנְט. פְּלֶעגִין אִים דִי בְּרִידֶער גֶעבִּין סִיפּוּק אוֹיף זַיין פַּרְנָסָה.

אוּן זֵיי הָאבִּין אִים אַזוֹי פִּיל גִיגֶעבִּין. בִּיז עֶס אִיז אִים נָאךְ אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן. הָאט עֶר זִיךְ צוּם אוֹיף גִיזַאמִילְט בִּיסְלִיךְ וַוייס דָאס וָואס עֶס אִיז אִים אִיבֶּער גִיבְּלִיבְּן חוּץ פַּרְנָסָה. בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אָן גִיזַאמִילְט אַסַאךְ גֶעלְט.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ בַּיי זֵיי קִצְבָה נֶעמֶען בֶּעסֶער וֶועל אִיךְ אָן הֵייבִּין מַשָׂא וּמַתָּן צוּ טָאן אוּן כָאטְשֶׁע עֶר הָאט נִיט גִיקֶענְט גֵיין.

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט זִיךְ דִינְגֶען אַ פִּיר מִיט אֵיין נֶאֱמָן מִיט אֵיין בַּעַל עֲגָלָה. אוּן וֶועט מִיט זֵיי פָארִין קֵיין לַייפְּצִיק. וֶועט עֶר קֶענֶען פִּירִין דֶעם מַשָׂא וּמַתָּן. כָאטְשֶׁע עֶר קָאן נִיט גֵיין.

וִוי דִי מִשְׁפָּחָה הָאט דָאס דֶער הֶערְט אִיז דָאס זֵיי זֵייעֶר ווּאוֹיל גִיפֶעלִין. אוּן הָאבִּין אוֹיךְ גִיזָאגְט. נָאךְ וָואס זָאלִין מִיר אִים גֶעבִּין הַסְפָּקָה. בֶּעסֶער לָאז עֶר זִיךְ מַאכְן אֵיין פַּרְנָסָה. אוּן הָאבִּין אִים נָאךְ צוּ גִילִיגֶען גֶעלְט. כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען פִּירִין דֶעם מַשָׂא וּמַתָּן. הָאט עֶר אַזוֹי גִיטָאן.

אוּן הָאט זִיךְ גִידוּנְגֶען אַ פִּיר אוּן אַ נֶאֱמָן אוּן אַ בַּעַל עֲגָלָה. אוּן אִיז גִיפָארְן. אוּן אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין קְרֶעטְשְׁמֶע. הָאט דֶער נֶאֱמָן גִיזָאגְט אַז מְ׳זָאל דָארְט נֶעכְטִיגְן. הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט וָואס זֵיי הָאבִּין אִים גִיבֶּעטֶען. אוּן עֶר הָאט זֵיי אִיבֶּער גִישְׁפַּארְט. זֶענֶען זֵיי אַוֶועק גִיפָארִין פוּן דָארְט א וּן זֶענֶען פַאר בְּלָאנְזֶעט גִיוָוארִיטְן אִין אַ וַואלְד. זֶענֶען זֵיי אָן גִיפַאלִין גַזְלָנִים.

אוּן דִי גַזְלָנִים זֶענֶען גִיוָוארִין עַל פִּי מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז אַמָאל גִיוֶוען הוּנְגֶער אִיז אֵיינֶער גִיקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַרַיין אוּן הָאט אוֹיס גִירוּפְן. וֶוער עֶס וִויל עֶסִין זָאל צוּ אִים קוּמֶען.

זֶענֶען צוּ אִים גִיקוּמֶען כַּמָה מֶענְשְׁן הָאט עֶר גִיזֶעהְן דִי מֶענְשְׁן וָואס קוּמֶען אִים נִיט צוּ נִיץ.

הָאט עֶר זֵיי מַדְחֶה גִיוֶועזְן צוּ אֵיינֶעם הָאט עֶר גִיזָאגְט דוּ קָאנְסְט זַיין אֵיין בַּעַל מְלָאכָה. אוּן צוּ דֶעם הָאט עֶר גִיזָאגְט דוּ קָאנְסְט זַיין אִין אַ מִיל.

אוּן הָאט אוֹיס גִיקְלִיבְּן נָאר קְלוּגֶע יוּנְגֶען. אוּן אִיז מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען אִין וַואלְד אַרַיין.

אוּן הָאט זֵיי אָן גִירֶעט אַז זֵיי זָאלִין וֶוערִין גַזְלָנִים. בַּאֲשֶׁר פוּן דַאנֶעט גֵייעֶן וֶועגִין. קֵיין לַיי פְּסִיק אוּן קֵיין בְּרֶעסְלָא. אוּן צוּ אַנְדֶערֶע עֶרְטֶער. פָארִין דָא דוּרְךְ סוֹחְרִים. וֶועלִין מִיר זֵיי רַבִּיוֶוען. וֶועלִין מִיר הָאבְּן גֶעלְט (אַזוֹי הָאט דֶער גַזְלָן וָואס הָאט פְּרִיר אוֹיס גִירוּפְן אִין שְׁטָאט זֵיי אָן גִירֶעט)

זֶענֶען דִי גַזְלָנִים אָן גִיפַּאלִין אוֹיף זֵיי (דְהַיינוּ אוֹיף דֶעם וָואס הָאט נִיט גִיקָאנְט גֵיין אוּן אוֹיף זַיינֶע מֶענְשְׁן דְהַיינוּ דֶער נֶאֱמָן מִיט דֶעם בַּעַל עַגָלָה).

דֶער נֶאֱמָן אוּן דֶער בַּעַל עַגָלָה הָאבִּין גִיקָאנְט אַנְטְלוֹיפֶען זֶענֶען זֵיי אַנְטְלָפִין גִיוָוארִין. אוּן עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין. זֶענֶען דִי גַזְלָנִים צוּ אִים גִיקוּמֶען אוּן הָאבִּין בַּיי אִים אַוֶועק גִינוּמֶען דָאס קֶעסְטִיל מִיט גֶעלְד

אוּן הָאבְּן אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס זִיצְטוּ. הָאט עֶר גִיעֶנְפֶערְט עֶר קָאן נִיט גֵיין. אוּן זֵיי הָאבְּן בַּיי אִים גִירַאבִּיוֶועט דָאס קֶעסְטִיל אוּן דִי פֶערְד. אוּן עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין.

אוּן דֶער נֶאֱמָן מִיט דֶעם בַּעַל עַגָלָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַנְטְלָאפִין גִיוָוארִין הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. בַּאֲשֶׁר זֵיי הָאבִּין גִינוּמֶען פְּרוּקְלַאדִין בַּיי פְּרִיצִים נָאךְ וָואס זָאלִין זֵיי זִיךְ אוּם קֶערִין אַהֵיים. זֵיי קָאנֶען קוּמֶען אִין קֵייטְן אַרַיין. בֶּעסֶער וֶועלִין זֵיי דָארְט בְּלַייבְּן (דָארְט וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִין אַנְטְלָאפְן גִיוָוארִין) אוּן וֶועלִין דָארְט זַיין אֵיין נֶאֱמָן אוּן אֵיין בַּעַל עַגָלָה.

אוּן דֶער וָואס הָאט נִיט גִיקָאנְט גֵיין. וָואס עֶר אִיז גִיבְּלִיבְּן אוֹיף דֶעם וָואגִין. כָּל זְמַן עֶר הָאט נָאךְ גִיהַאט דִי סוּחֶערֶעס וָואס עֶר הָאט מִיט גִינוּמֶען פוּן דֶער הֵיים הָאט עֶר זֵיי גִיגֶעסִין.

דֶער נָאךְ אַז דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיס גִיגַאנְגֶען אוּן עֶר הָאט נִיט גִיהַאט צוּ עֶסִין. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. וָואס טוּט מֶען. הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפּ גִיוָוארְפִין פוּן דֶעם וָואגִין עֶר זָאל עֶסִין גְרָאז. הָאט עֶר גִינֶעכְטִיגְט אַלֵיין אִין פֶעלְד. אִין עֶר אִיבֶּער גִישְׁרָאקִין גִיוָוארִין.

אִיז בַּיי אִים אַוֶועק גִינוּמֶען גִיוָוארִין דֶער כֹּחַ הָאט עֶר שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט אֲפִילוּ שְׁטֵיין. נָאר רוּקִין זִיךְ.

אוּן עֶר פְלֶעגְט עֶסִין דָאס גְרָאז וָואס עֶס אִיז גִיוֶוען אַרוּם אִים. אוּן כָּל זְמַן עֶר הָאט גִיקֶענְט דֶער לַאנְגֶען צוּם גְרָאז אוּן עֶסִין. הָאט עֶר גִיגֶעסִין.

דֶער נָאךְ אַז עֶס אִיז שׁוֹין אוֹיס גִיגַאנְגֶען דָאס גְרָאז אַרוּם אִים אַז עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גִיקֶענְט דֶער לַאנְגֶען. הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גִירוּקְט וַוייטֶער. אוּן הָאט וַוייטֶער גִיגֶעסִין. הָאט עֶר אַזוֹי גִיגֶעסִין דָאס גְרָאז אַ צַייט.

אַמָאל אִיז עֶר גִיקוּמֶען צוּ אֵיין קְרַייטִיכְץ וָואס עֶר הָאט נָאךְ אַזוֹי אֵיין קְרַייטִיכְץ נִיט גִיגֶעסִין. אִיז אִים דָאס קְרַייטִיכְץ זֵייעֶר גְפֶעלִין מַחְמַת עֶר הָאט גִיגֶעסְן אַ לַאנְגֶע צַייט קְרַייטֶעכְצֶער. אוּן עֶר הָאט זֵיי שׁוֹין גִיקָאנְט. אוּן אַזוֹי אֵיין קְרַייטִיכְץ. הָאט עֶר נָאךְ נִיט גִיזֶעהְן. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען.

עֶר וֶועט עֶס אוֹיס רַייסִין מִיט דֶעם וָוארְצִיל. אִיז גִיוֶוען אוּנְטֶערִין וָוארְצִיל אֵיין דוּמִיט. אוּן דֶער דוּמִיט אִיז גִיוֶוען פִיר עֶקִיכִיק אוּן אִיטְלִיכֶע זַייט פוּן דֶעם דוּמִיט הָאט גִיהַאט אִין זִיךְ אֵיין אַנְדֶערֶע סְגוּלָה.

אוֹיף אֵיין זַייט פוּן דֶעם דוּמִיט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָן גִישְׁרִיבְּן. אַז וֶוער עֶס וֶועט אָן נֶעמֶען בַּיי דֶער

זַייט. וֶועט עֶס אִים טְרָאגִין אַהִין וִוי טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף דְהַיינוּ וִוי דִי זִין מִיט דֶער לְבָנָה קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף אִין אֵיינֶעם. וִוי דֶער הָאט אוֹיס גִירִיסִין דָעם קְרַייטִיכְץ מִיט דֶעם וָוארְצִיל (וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען דֶער דוּמִיט) הָאט זִיךְ מִזְדַמֵן גִיוֶוען. אַז עֶר הָאט אָן גִינוּמֶען בַּיי דֶער זַייט. (דְהַיינוּ בַּיי דֶער זַייט וָואס עֶס אִיז מְסוּגָל עֶס זָאל אִים טְרָאגִין צוּ דֶעם אוֹרְט וָואס טָאג אוּן נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף).

הָאט עֶס אִים אַוֶועק גִיטְרָאגִין אַהִין. וואוּ טָאג א ון נַאכְט קוּמֶען זִיךְ צוּם אוֹיף. עֶר קוּקְט זִיךְ אַרוּם. אוּן עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט (וִוי טָאג אוּן נַאכְט דְהַיינ ו דִי זוּן מִיט דֶער לְבָנָה קוּמֶען זִיךְ אִין אֵיינֶעם צ וּם אוֹיף)

הָאט עֶר גִיהֶערְט וִוי דִי זוּן מִיט דֶער לְבָנָה שְׁמוּ סִין. אוּן דִי זוּן הָאט זִיךְ גִיקְלָאגְט פַאר דֶער לְבָנָה. בַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדְן אֵיין בּוֹים וָואס דֶער בּוֹים הָאט אַסַאךְ צְוַוייגִין אוּן פֵּירוֹת אוּן בְּלֶעטְלִיךְ. אוּ ן אִיטְלִיכֶע צְוַוייג אוּן אִיטְלִיכֶע פְּרִי אוּן אִיטְלִיכְשׁ בְּלֶעטִיל. הָאט אִין זִיךְ אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סְגוּלָה. דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ קִינְדֶער. אוּן דָאס אִיס מְסוּ גָל צוּ פַּרְנָסָה. אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל סֶע זָאל הֵיילִין דָאס חוֹלָאַת. אוּן דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ אֵיין אַנְדֶער חוֹלָאַת.

אִיטְלִיכְס פִּיצִיל פוּן דֶעם בּוֹים. אִיז מְסוּגָל צ וּ אֵיין אַנְדֶערֶע זַאךְ. אוּן דֶעם בּוֹים וָואלְט מֶען גִידַארְפְט אָן טְרֶענְקֶען. אוּן אַז מְזָאל אִים אָן טְרֶענְקֶען. וָואלְט עֶס זֵייעֶר מְסוּגָל גִיוֶוען. אוּן לֹא דַי אִיךְ טְרֶענְק אִים נִיט אָן. שַׁיין אִיךְ נָאךְ אוֹיף אִים, אוּן פַאר טְרִיקִין אִים.

הָאט זִיךְ דִי לְבָנָה אָן גִירוּפְן (צוּ דֶער זוּן) ד וּ זָארְגְסְט אַ פְרֶעמְדֶע זָארְג. אִיךְ וֶועל דִיר דֶער צֵיילִין מַיין דַאֲגָה. בַּאֲשֶׁר אִיךְ הָאבּ טוֹיזִינְט בֶּערְג. אוּן אַרוּם דִי טוֹיזְנְט בֶּערְג. אִיז דָא נָאךְ טוֹיזְנְט בֶּערְג. אוּן דָארְט אִיז דָאס אוֹרְט פוּן שֵׁדִים. אוּן דִי שֵׁדִים הָאבְּן הִינִירְשֶׁע פִּיס. הָאבִּין זֵיי קֵיין כֹּחַ נִיט אִין דִי פִּיס. נֶעמֶען זֵיי כֹּחַ פוּן מַיינֶע פִּיס. אוּן מַחְמַת דֶעם הָאבּ אִיךְ קֵיין כֹּחַ נִיט אִין מַיינֶע פִּיס. אוּן אִיךְ הָאבּ אַ פוּל (דְהַיינוּ אַ שְׁטוֹיבּ) וָואס דֶער פוּל אִיז אַ רְפוּאָה צוּ מַיינֶע פִּיס. קוּמְט אַ וִוינְט א וּן טְרָאגְט אִים אַוֶועק.

הָאט זִיךְ דִי זוּן אָן גִירוּפְן אַדָאס זָארְגְסְטוּ. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אַ רְפוּאָה. בַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדִין אַ וֶועג. אוּן פוּן דֶעם וֶועג צוּ טֵיילִין זִיךְ כַּמָה וֶועגִין.

אֵין וֶועג אִיז פוּן צַדִיקִים. אֲפִילוּ דֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פוּ ל פוּן דֶעם וֶועג אִין אִיטְלִיכְן טְרֶעט. אוּן אִיטְלִיכְן טְרֶעט וָואס עֶר טוּט. גֵייט עֶר אַלְץ אוֹיף דֶעם פוּל.

אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן אַ וֶועג פוּן אַפִּיקוֹרְסִים אֲפִיל וּ דֶער אַפִּיקוֹרֶס וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים א וּנְטֶער דֶעם פוּל אִין אִיטְלִיכְן טְרֶעט כַּנַ״ל.

אוּן סֶע פַאר הַאנְדֶען אַ וֶועג פוּן מְשׁוּגָעִים. אֲפִיל וּ אַ מְשׁוּגֶע וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּ נְטֶער דֶעם פוּל כַּנַ״ל.

אוּן אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדְן כַּמָה וֶועגִין. אוּן סֶע פַאר הַאנְדִין אַ וֶועג. בַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדִין צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענִין מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ יִסוּרִים פִּירִין זֵיי דִי פְּרִיצִים אִין קֵייטִין. הָאבֶּען זֵיי קֵיין כֹּחַ נִיט אִין דִי פִּיס. שִׁיט מֶען זֵיי אוּנְטֶער פוּן דֶעם פוּל פוּן דֶעם וֶועג. הָאבֶּען זֵיי כֹּחַ אִין דִי פִּיס.

בְּכֵן זָאלְסְטוּ אַהִין גֵיין וָוארְן דָארְט אִיז דָא אַסַאךְ פוּל וֶועסְטוּ הָאבִּין אֵיין רְפוּאָה. אוֹיף דִי פִּיס (דָאס הָאט אַלְץ דִי זוּן גִירֶעט צוּ דֶער לְבָנָה) אוּן עֶר הֶערְט דָאס אַלְץ (הַיינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּיס הָאט דָאס אַלְץ גִיהֶערְט).

המשך פון זייט 2

הֱיוֹת דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן אַז עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אַרַיינְגֶעטַאנְצְן אִין דֶעם עִנְיָן אוּן גֶעבְּן אַרוֹיס וָואס נָאךְ וָואךְ דֶעם הֶערְלִיכְן גִלְיוֹן, '**דֶעם רֶבִּי'נְס לִיכְט**' מִיטְ'ן טֶעלֶ-לַיין אוּן קַארְטְלֶעך פַאר דִי קִינְדֶער, דֶער גִלְיוֹן וֶוערְט צוּשְׁפְּרֵייט אוּן גֶעלֵיינְט דוּרְךְ טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער, בָּחוּרִים, אוּן עֶרְוַואקְסֶענֶע, אָבֶּער מִיר דַארְפְן אֵייעֶר הִילְף.

ר' נָתָן הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן פַאר זַיין פְּטִירָה, "אִיהר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט אוּן מִיט רָצוֹן אוּן מִיט טִרְחָא". וֶוערְט אַ שֻׁתָּף מִיטון הֶעלְפְן צוּשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּי'נְס בְּלֶעטְל פַאר טוֹיזְנְטֶער קִינְדֶער אַרוּם דֶער וֶועלְט. אִין דֶעם זְכוּת וֶוערְט אִיר אַ שֻׁתָּף מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל שְׁטֵיין אִין זַייט אוּן קוּקְן וִוי מֶען דְרִיקְט מַיין סֵפֶר! וֶוער עֶס גִיבְּט פַאר מִיר דֶער נֶעמְט פוּן מִיר".

## די דריטע מעשה - דער הינקעדיגער (1)

**א. וואס האט דער חכם געלאזט צוואה פאר זיינע קינדער?**
- ☐ צו פלאנצן פרוכט
- ☐ צו אקערן פעלדער
- ☐ צו אנטרונקען ביימער

**ב. וואס האט דער חיגר יא געקענט?**
- ☐ גיין
- ☐ שטיין
- ☐ לויפן

**ג. פון וואו האט דער זון געהאט פרנסה?**
- ☐ ער האט באקומען פון גבאי צדקה
- ☐ ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ☐ די ברודערד האבן אים געגעבן

**ד. פון וואו האט ער געהאט געלד צו טון משא ומתן?**
- ☐ פון וואס ס'איז אים איבערגעבליבן פון זיין פרנסה
- ☐ די ברודערד האבן אים פארבארגט (גיליגען)
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ה. ער האט זיך מיישב געווען צו פארן קיין?**
- ☐ ברעסלא
- ☐ לייפציג
- ☐ איטליא

**ו. ווענמען האט ער מיטגענומען אויפ'ן וועג?**
- ☐ א בעל עגלה
- ☐ א נאמן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס האט פאסירט אינמיטן וועג?**
- ☐ א גזלן האט זיי באפאלן
- ☐ גזלנים זענען זיי אנגעפאלן
- ☐ די וואגן האט זיך צוּבראכן

**ח. ווער איז אנטלאפן?**
- ☐ דער חיגר און דער נאמן
- ☐ דער נאמן און דער בעל עגלה
- ☐ דער חיגר דער נאמן און דער בעל עגלה

**ט. וואס האבן זיי גראבעוועט פון אים?**
- ☐ דאס קעסטל און די פערד
- ☐ די פערד און די וואגן
- ☐ דאס קעסטל די פערד און די וואגן

**י. וואס האט ער געגעסן אנפאנג?**
- ☐ סוחערס (טרוקענע ברויט)
- ☐ ער האט נאר געטרונקען
- ☐ מצות

**יא. וואס האט ער געגעסן ווען ס'האט זיך געענדיגט די עסן פון וואגן?**
- ☐ ער האט געטראפן ברויט
- ☐ ער האט נאר געטרונקען
- ☐ גראז

**יב. נאכדעם וואס ער האט געענטשיגט אין פעלד האט ער געקענט שטיין?**
- ☐ ער האט צוריק אנגהויבן צו גיין
- ☐ ער האט געקענט שטיין
- ☐ ער האט נאר געקענט זיך רוקן

**יג. פארוואס האט ער אויסגרוסן די קרייטיכץ מיט די ווארצל?**
- ☐ ווייל ס'האט אים אויסגעזען גאר א אלטע קרייטיכץ
- ☐ ווייל ער האט געוואלט עסן אויך די ווארצל
- ☐ ווייל אזא קרייטיכץ האט ער נאכנישט געזען

**יד. וויאזוי איז געווען דער דומיט וואס ער האט געטראפן?**
- ☐ רינדעכיג
- ☐ א לאנגע קעסטל
- ☐ פיר עקעדיג

**טו. וויאזוי איז ער אנגעקומען צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך?**
- ☐ ער איז געגאנגען צופיס
- ☐ מיט פערד און וואגן
- ☐ ער האט אנגעכאפט דער דומיט אויף די זייט וואס ווער עס כאפט אן אן די זייט קומט אן צו פלאץ וואס טאג און נאכט טרעפן זיך

**טז. וואס האט די זון געקלאגט פאר דער לבנה?**
- ☐ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס
- ☐ אז ער טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יז. וואספארא דאגה האט די לבנה דערציילט?**
- ☐ אז ער האט נישט כח און די פוס ווייל די שדים נעמען זייער כח פון זיינע פוס
- ☐ אז זי טרוקענט די בוים וואס האט אין זיך אסאך סגולות
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

646-518-1095 1-518-329-9149




בַּיי מַיין חַבֵר אִין גָארְטְן וַואקְסְט אַ מַאנְגָא בּוֹים. וִויבַּאלְד ס'אִיז דָא בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב אַזַא שֶׁפַע פוּן דֶעם גֶעשְׁמַאקְן פְּרִי, הָאט זִיךְ אִים אֵיינְמָאל פַּארְגְלִיסְט צוּ אוֹיסְשְׁטוּדִירְן דָאס קֶערְל פוּנֶעם מַאנְגָא. עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ 'עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז וֶוען מֶען לֵייגְט אַרַיין אַן אַוָואקַאדָא קֶערְל אִין וַואסֶער, בִּיז אַ שְׁטִיק צַייט הֵייבְּט אָן וַואקְסְן בְּלוּמֶעלֶעךְ, אֶפְשָׁר קֶען פוּן אַ מַאנְגָא אוֹיךְ וַואקְסְן בְּלוּמֶען?! פַּארְוָואס נִישְׁט?'.

עֶר הָאט גֶעטוּן לְמַעֲשֶׂה, אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ קֶערְל אִין וַואסֶער אוּן גֶעלָאזְט לִיגְן נֶעבְּן דִי פְלֵיישִׁיגֶע קְרַאן. עֶס גֵייט אַדוּרְךְ אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶּער גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט, 'אַ מַאנְגָא בְּלַייבְּט אַ מַאנְגָא!!' הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט בַּיי זִיךְ. זַיין מַאמֶע אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן אוּמְגֶעדוּלְדִיג פוּנֶעם אִיבֶּערִיגְן גְלֶעזְל וָואס שְׁטֵייט אִיר אִין וֶועג וֶוען זִי דַארְף קָאכְן אוּן בַּאקְן, רֵיינִיגְן אוּן זִיךְ פָּארֶען אִין קָאךְ, אוּן זִי הָאט גֶעוָואלְט לֵייגְן דָאס קֶערְל אִין מִיסְט.

מַיין חַבֵר בֶּעט זִיךְ בַּיי זַיין מַאמֶע זָאל וַוארְטְן נָאךְ אֵיין וָואךְ! "גֶעפּוֹעֶלְ'ט, אָבֶּער נִישְׁט מֶער וִוי אֵיין וָואךְ!" זָאגְט דִי מַאמֶע. דִי וָואךְ אִיז אַרִיבֶּער, אָבֶּער קַיין נַייעֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען. מַיין חַבֵר בֶּעט זַיין מַאמֶע פַאר זִי וַוארְפְט עֶס אַוֶועק, זָאל זִי עֶס אִים אַוֶועקְגֶעבְּן, עֶר וִויל עֶס עֶפֶּענֶען זֶען וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אִינֶעם קֶערְל!

מִיט אֵיין זֶעץ פוּנֶעם הַאמֶער אִיז דִי קֶערֶעלֶע גֶעוֶוען אָפְן, אוּן עֶס הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן דָאס אוּמְגְלוֹיבְּלִיכֶע... וֶוען מֶען וַוארְט צוּ נָאךְ אַ טָאג צְוֵויי, וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט זֶען וִוי עֶס וַואקְסְט אַרוֹיס אַ שֵׁיינֶע בְּלוּמֶעלֶע!!

יָא, אֲפִילוּ אַ מַאנְגָא קֶען אַרוֹיסְגֶעבְּן בְּלוּמֶעלֶעךְ!

מֶען דַארְף קֶענֶען אוֹיסְוַוארְטְן! נִישְׁט כַאפְּן פַאר דִי צַייט, נִישְׁט דוֹחֵק זַיין דֶעם שָׁעָה. דָאס הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעלֶערְנְט לֶעצְטְן שַׁבָּת בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, וֶוען אִיךְ הָאבּ מַחְלִיט גֶעוֶוען טְרָאץ וָואס אִיךְ בִּין נָאךְ גַאנְץ אִינְג, וֶועל אִיךְ זִיךְ צוּזֶעצְן בַּיי דִי טַאטֶעס אוּן צוּהֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי וִויל מִיר זָאגְן מִיט זַיינֶע לִיכְטִיגֶע תּוֹרוֹת.

וִויבַּאלְד דִי שׁוּל אִיז גֶעוֶוען גַאנְץ לֵיידִיג, הָאט פָּארְגֶעלֶערְנְט אַן אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל גֶערֶעדְט אוּן מִיט אַ תְּמִימוּת פָּארְגֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה כ' קְלָאר אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער. אִיךְ הָאבּ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעמַאכְט אַ תְּפִלָּה אַז אַלֶע זַאכְן וָואס דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִין דִי תּוֹרָה זָאל מִיר הֶעלְפְן אוּן הֵיילְן, טְרָאץ וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פוּנְקְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ דַארְף לְמַעֲשֶׂה טוּן, אֵיין זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט עַקְשֶׁנְ'ן אוֹיף קַיין שׁוּם זַאךְ, אִם יִתֵּן יִתֵּן וְאִם לָאו לָאו, אוֹיבּ מֶען וִויל אַ זַאךְ אוּן עֶס גֵייט, אִיז אַוַודְאַי גוּט, אוֹיבּ נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט

המשך קומעדיגע עמוד

שְׁטוּפְּן און עֶס וֶועלְן בַּאקוּמֶען פַּאר דִי צַייט.

נָאךְ מְלַוֶּה מַלְכָּה וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעדַארְפְט צוּגֵיין צוּ אַ שִׂמְחָה, הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל לֵייגְן שְׁלָאפְן מַיין קְלֵיינֶער בְּרוּדֶער אִיצִיק, עֶר הָאט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ גֶעמַאכְט פוּרִים פוּן מִיר, גֶעשְׁרִיגְן און זִיךְ גֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אֵיין מִינוּט דַארְף עֶר טְרִינְקְן, דֶערְנָאךְ דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ: "אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעסְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת!"

"סְ'אִיז צוּ לִיכְטִיג", שְׁרֵייט עֶר מִיט גֶעוַואלְדֶעס" פַארְמַאך אִיךְ דִי טִיר, שְׁרֵייט עֶר: "סְ'אִיז אַזוֹי טוּנְקְל", אִיךְ פְּרוּבִּיר אוֹיף אַלֶע אוֹפַנִּים, אָבֶּער עֶר שֶׁעפְּט אַרוֹיס מַיינֶע כּוֹחוֹת, בִּיז אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז סְ'אִיז קֵיין צְוֵויי בְּרֵרוֹת נִישְׁטָא, עֶר דַארְף בַּאקוּמֶען צְוֵויי גוּטֶע פֶּעטְשׁ!!

אֵיין מִינוּט! טְרַאכְט אִיךְ שְׁנֶעל צוּ מִיר, 'דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט שְׁלָאגְן!'. אָבֶּער וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט אַ אִינְגְל וָואס פַארְמָאגְט אַזוֹיפִיל עֶנֶערְגִיעֶ! אִיךְ גֵיי צוּ מִיט אַ גְרֵייטֶע פוֹיסְט... אָבֶּער אִין יֶענֶעם מִינוּט דֶערְמַאן אִיךְ זִיךְ אַז דֶער רֶבִּי לָאזְט נִישְׁט דּוֹחֵק זַיין דֶעם שָׁעָה, זָאג אִיךְ פַאר דֶעם קְלֵיינֶעם צַדִּיק קְלָאר אִין דַייטְלִיךְ: "אִיצִיק, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה זָאגְט אַז מֶען דַארְף פָאלְגְן אַן עֶלְטֶערְן בְּרוּדֶער, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט פָאלְגְן און שְׁלָאפְן שַׁיין".

אִיךְ שְׁפַּאצִיר אַרוֹיס, אַ שְׁטִיל שְׁוַוייגֶענִישׁ קוּמְט אַרוֹיס פוּן זַיין צִימֶער, און דֶער קְלֵיינֶער אִיצִיקְ'ל אִיז, אַיינְגֶעשְׁלָאפְן זִיס!



אוֹיפְן בֶּענְקְל אִין קָאך פַאל אִיךְ אַרַיין עְרְשֶׁעפְּט און אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר 'וִויאַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט דִי כּוֹחוֹת זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן און נִישְׁט שְׁלָאגְן?!' בִּיז עֶס קוּמְט מִיר אַרוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אַז מֶען דַארְף אוֹיסְוַוארְטְן און אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ דִי וֶוערְטֶער "וּבִשְׁבִיל זֶה אֵין לָאָדָם לִדְחֹק אֶת עַצְמוֹ עַל שׁוּם דָּבָר, אֶלָּא יְבַקֵּשׁ בְּתַחֲנוּנִים" אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זִיךְ דּוֹחֵק זַיין - שְׁטוּפְּן פַאר דִי צַייט, נָאר בֶּעטְן מִיט תַּחֲנוּנִים... עֶס אִיז מִיר קְלָאר אַז דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן אִיז אַרַיין אִין מַיין נְשָׁמָה און דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן דִי כּוֹחוֹת.

עַל כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְז פַאר דַיין נָאמֶען וֶועגְן, שְׁטֵיי צוּ אוּנְזֶער הִילְף מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַלֶע מְנִיעוֹת, און זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי אֶמֶתְ'ע צַדִּיקִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה און זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּ זֵיי מִיט אַן אֶמֶת, און זוֹכֶה זַיין בִּשְׁלֵמוּת צוּ רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען און מַחֲשָׁבוֹת. מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין און מְבַטֵּל זַיין אַלֶע דִּינִים און מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף אוּנְז גוּטֶע חֲסָדִים. זֵיי אוּנְז מְזַכֶּה דִיר צוּ אַנֶערְקֶענֶען און צוּ וִויסְן דַיין דֶערְהוֹיבְּנְקֵייט און דַיין גֶעוֶועלְטִיגוּנְג אוֹיף אוּנְז, דוּ זָאלְסְט קֶענִיגְן אוֹיף אוּנְז מִיט דַיין כָּבוֹד וִוי אַמְשְׁנֶעלְסְטְן "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל, כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, און יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶּענִישׁ זָאל וִויסְן אַז דוּ הָאסְט אִים בַּאשַׁאפְן, און יֶעדֶער וָואס הָאט אַ נְשָׁמָה אִין זִיךְ זָאל זָאגְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דֶער גָאט פוּן דִי אִידְן אִיז דֶער קֶענִיג און זַיין קֶענִיגְרֵייךְ טוּט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַלֶעמֶען."
זֵיי אוּנְז מְטַהֵר און הֵיילִיג אוּנְז מִיט דַיין הֵיילִיגֶע דֶערְהוֹיבֶּענֶע קְדוּשָּׁה פוּן יֶעצְט בִּיז אוֹיף אַלֶעמָאל אָמֵן סֶלָה.

(שטיקל פון תפלה ע"ו)




# טייערע קינדער!
# מיר האבן צוגעלייגט אויפן טעל-ליין גאר
# שיינע מעשיות
# פון רבי'נס קינדער יארן
# אויף קנעפל 221#



**ווִי אַזוֹי קֶען מֶען זֶען דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים?!**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיין יוּנְגֶע יָארְן אִיז עֶר גֶעוֶוען צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ עֶסְן אַסַאךְ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט יִסוּרִים פוּן דֶעם הָאט עֶר אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דִי תַּאֲווֹת אֲכִילָה. נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעזֶען אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ תַּאֲוָה אוֹיךְ צוּ דָאס בִּיסְל וָואס עֶר עֶסְט הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען, וָואס אִיז אַ חִילוּק צוּ עֶר עֶסְט אַבִּיסְל מִיט אַ תַּאֲוָה אָדֶער אַסַאךְ? צוּ וָואס זָאל עֶר צוּגְרִינְד לֵייגְן זַיין קֶערְפֶּער אוּמְזִיסְט? אוּן עֶר הָאט צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ עֶסְן. עֶר הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַלֶע זַיינֶע אַנְדֶערֶע תַּאֲוות אִין תַּאֲווֹת אֲכִילָה.



שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת בַּיים טִישׁ פוּנֶעם רֶבִּי'נְס שְׁוֶוער. אִין צִימֶער אִיז טִינְקְל בִּשְׁעַת רַעֲוָא דְרַעֲוִין. דֶער רֶבִּי זִיצְט זִיךְ אִין אַ וִוינְקְל אוּן מַאכְט זִיךְ זַיינֶע עִנְיָנִים וִוי עֶר אִיז צוּגֶעווֹאוֹינְט.

עֶר הֵייבְּט אָן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַז עֶר זָאל אִים בַּאוַוייזְן דִי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב. עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין זֵיי צוּ זֶען וֶועט עֶר אוֹיךְ אַוֶועקְוַוארְפְן דִי תַּאֲווֹת אֲכִילָה. אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, עֶר אִיז עֶרְנְסְט אַרַיין אִין דִי עִנְיָנִים אוּן עֶר אִיז אַנְטְשְׁלָאפְן גֶעוָוארְן.

אִינְמִיטְן זֶעט עֶר דֶעם זֵיידְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִין חָלוֹם אוּן זָאגְט אִים דֶעם פָּסוּק: "וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ (דְבָרִים יא).

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט הָאט עֶר זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וָואס פַאַרַא שַׁייכוּת הָאט דֶער פָּסוּק צוּ דֶער בַּקָשָׁה וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן?

אִיז אִים אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין גֶעדַאנְק וָואס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תִּקוּנֵי זֹהַר: אִין דָאס וָוארְט "עֵשֶׂב" וַוייזְט דִי עַיִ"ן אוּן בֵּי"ת אוֹיף "בַּת עַיִן" אוּן שִׁי"ן זֶענֶען דִי דְרַיי אָבוֹת הַקְדוֹשִׁים. דָאס מֵיינְט אַז אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זֶען דִי אָבוֹת אִיז נָאר דוּרְךְ "בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ", דוּ דַארְפְסְט צֶעבְּרֶעכְן דִי בַּהֲמִיוֹת, דִי תַּאֲווֹת אֲכִילָה. פוּן דַאן אָן הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן אוֹיךְ דִי תַּאֲוָה פוּן עֶסְן.

טַייעֶר קִינְדֶערְלֶעךְ, וָואס קֶענֶען מִיר זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן רֶבִּינְ'ס הַנְהָגוֹת?!

**לָאזְט אִיבֶּער אֵייעֶרֶע גֶעדַאנְקְן אוֹיפְן לַיין אוּן מִיר וֶועלְן עֶס בְּעֶזְר הַשֵׁם פַארְעֶפְנְטְלִיכְן אִין קוּמֶענְדִיגֶע גִלְיוֹן.**

פון די תַּלְמִידִים פון אַבְרָהָם אָבִינוּ צו בִּלְעָם׳ס תַּלְמִידִים, פַארְוָואס פְרֶעגְט די מִשְׁנָה וָואס איז דער חילוק?! יָא?! ס׳איז אַ גוּטֶע קַשְׁיָא?!״

״יָא, אִיךְ זֶע דו קֶענְסְט אויךְ גוּט לֶערְנֶען! בִּיסְט אַ גוּטֶער חֶבְרָה-מַאן, קַשְׁיוֹת הָאסְטוּ גוּטֶע, לָאמִיךְ הֶערְן אויב תִּירוּצִים הָאסְטוּ אויךְ!״

״דער תִּירוּץ איז אַזוֹי, (גֶעבְּרֶענְגְט פון רַבִּי נָתָן) מֶען דַארְף גוּט אַריינְטְרַאכְטְן אין דֶעם: די גוֹיִם גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען מַאכְן וָואס מֶען וִויל, מֶען קֶען עֶסְן דָּבָר אַחֵר, מֶען קֶען טוּן אוּמְרֵיינֶע זַאכְן, עֲבֵרוֹת, אויף דער וֶועלְט קֶען מֶען טוּן וָואס די הַארְץ בַּאגֶערְט. נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר די גוֹיִם זָאגְן רח״ל אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט דָא טוּן וָואס מֶען וִויל. אָבֶער די תַּלְמִידִים פון אַבְרָהָם, ״אוֹכְלִין בָּעוֹלָם הַזֶּה וְנוֹחֲלִין בָּעוֹלָם הַבָּא,״ זֵיי וַוייסְן אַז נָאר וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה אין בַּאשֶׁעפֶער, נָאר וֶוער עֶס אִיז זִיךְ מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר, נָאר אַזַא אֵיינֶער הָאט אַ גוּטֶע גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן. אַז מֶען גֵייט אויף דֶער אַלְטֶער וֶועג מִיט די אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה דָאס איז די רִיכְטִיגֶע וֶועג.

אָבֶער די תַּלְמִידִים פון בִּלְעָם זָאגְן זָאגְן: ׳נֵיין! מֶען קֶען טוּן וָואס מֶען וִויל, ס׳איז אַ הֶפְקֵר וֶועלְט, מֶען קֶען זִיךְ אָנְפְרֶעסְן מִיט אַלֶע דְּבָרִים אֲסוּרִים, מִיט אַלֶע תַּאֲווֹת פון דֶער וֶועלְט,׳ אָבֶער אַבְרָהָם אָבִינוּ איז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט גֶעפַּארְשְׁט און גֶעזוּכְט, וָואס איז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ׳ס רָצוֹן. און נִישְׁט נָאר אַבְרָהָם אָבִינוּ, נָאר עֶס איז דָא אַ פָּסוּק אין תְּהִלִּים וָואס מֶען זָאגְט יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען, ׳דִּרְשׁוּ ה׳ וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָנָיו תָּמִיד׳, - דִּרְשׁוּ מֵיינְט פָארְשְׁן, ׳ה׳ וְעֻזּוֹ בַּקְּשׁוּ פָּנָיו׳ - מֶען דַארְף יֶעדְן טָאג זוּכְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנ׳ס רָצוֹן, אֲפִילוּ הַיינְט וֶוען עֶס איז שׁוֹין דָא תּוֹרָה וּמִצְוֹת, מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, מִיט אַזוֹיפִיל סְפָרִים פון צַדִּיקִים, דַארְף מֶען נָאךְ אַלְץ זוּכְן וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וִויל פון מִיר פֶּערְזֶענְלִיךְ און וָואס איז מַיין עֲבוֹדָה.

בִּלְעָם הָאט אין דֶעם נִישְׁט גֶעגְלֵייבְּט, עֶר איז גֶעוֶוען אַ טָמֵא׳נְיַאק, בַּיי אִים איז די וֶועלְט הֶפְקֵר, עֶר הָאלְט נִישְׁט בַּיי גָארְנִישְׁט, עֶר איז גֶעשְׁטָארְבְּן אַלְס יוּנְגַאטְשׁ פון דְרַיי און דְרֵייסִיג יָאר, און בַּאקוּמֶען אַזַא מִיתָה מְשֻׁנָּה, אִין צַייט וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט תְּשׁוּבָה טוּן און צוּקוּמֶען נָאנְט צוּ די מַדְרֵגוֹת פון מֹשֶׁה רַבֵּינוּ! אָבֶער וָואס? אַ גוֹי וִויל נִישְׁט גְלֵייבְּן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט נַחַת רוּחַ פון אִים, עֶר וִויל נִישְׁט גְלֵייבְן אַז זַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת הָאבְּן אַ וֶוערְד.

אָבֶער לְהַבְדִּיל מִיר, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פָּאלְגְן די צַדִּיקִים אַז אַבִּיסְל, אַ מַשֶׁהוּ, איז זֵייעֶר חָשׁוּב, אֲפִילוּ אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אַבְרָהָם אָבִינוּ אָבֶער אִיךְ וַוייס וִוי חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע מִצְוָה׳לֶע איז בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גְלֵייב בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה אין יֶעדֶע בְּרֶעקְל טוֹב, מַיין בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִלָּה איז זֵייעֶר טַייעֶר. וַוייל ״מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב,״ די שְׁטוֹיבּ אויף וָואס מִיר טְרֶעטְן וֶוען מִיר גֵייעֶן אין שׁוּל, די קְלֵיינֶע פְּסִיעוֹת איז זֵייעֶר חָשׁוּב.

אַשְׁרֵינוּ, וואוּיל איז פַאר אוּנְז, וִוי טַייעֶר איז אַ אִינְגֶל וָואס מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, וִוי שְׁטַארְק איז די אַהֲבָה פון בַּאשֶׁעפֶער צוּ אוּנְז, ה׳ אֱלֹקָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ, זָאגְט רַשִׁ״י הַקָּדוֹשׁ: ״אֲפִילוּ מַכְעִיסִין וּמַמְרִים לְפָנָיו אֵינוֹ זָז מִתּוֹכָן – אֲפִילוּ אויב די אִידְן דֶערְצֶערְנֶען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, רִירְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק פון זֵיי!״

אין תּוֹרָה י״ז חֵלֶק שֵׁנִי בְּרֶענְגְט אויךְ דֶער רֶבִּי: ״דֶער וֶועג פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז נָאר צוּ קוּקְן אויף אוּנְזֶער גוּטְס, אֲפִילוּ אויב אין דֶעם איז פַארְהַאן עֶפֶּעס וָואס איז נִישְׁט גוּט, קוּקְט עֶר נִישְׁט דֶערוֹיף.״ דַוְקָא דֶער רָשָׁע בִּלְעָם, עֶר הָאט גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אין די אַלֶע זַאכְן.

הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאל קֶענֶען וֶוערְן מֶער נִכְלָל אין די אֱמֶת׳ע צַדִּיקִים וָואס נָאר בְּכֹחָם קֶענֶען מִיר אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער תִּיקוּן און וֶוערְן נָאנְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וֶועט אוּנְז זַיין גוּט סַיי אויף דֶער וֶועלְט און סַיי אויף יֶענֶער וֶועלְט.

אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיך גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

# דעם רבינ'ס ליכט



... אִיךְ הָאבּ אַן אֵיין בְּלֶעטִיל פוּן סִפְרֵי רַבֵּנוּ
וֶועט זַיין אַ תִּקוּן אוֹיף אַלְדִינְג

מאכט א ישוב הדעת פון איין מינוט! דער בלעטל קומט ארויס וואך נאך וואך, בעז"ה קען עס ממשיך זיין

נאר מיט אייער הילף. קלינגט אריין 02-5-3333-72 קנעפל #8 1-518-329-9149




צדיקל און דו? קלינג אריין אין טעל-ליין מיט דיין קבלה בלי נדר